וועגן וועמען איך האָבּ אייך מערערע מאָל געזאָגט,
און איצט זאָג איך אייך וויינענדיק, אַז זיי זענען
19 די שונאים פון משיחס בּוים; זייער סוף איז פאַר־
דאַרבונג; זייער ג־ט איז דער בּויך, און זייער רום
איז אין זייער חרפּה; זיי דענקען (נאָר) פון ערדישע
20 זאַכן. וואָרום אונזער בּירגער־רעכט איז אין הימל,
פונוואַנען מיר דערוואַרטן אויך דעם גואל, דעם
21 האַר ישוע המשיח, וועלכער וועט איבּעראַנדערשן
דעם גוף פון אונזער שפלות, גלייך צו ווערן צום
גוף פון זיין כבוד, לויט דער קראַפט, מיט וועלכער
ער קען אַלץ אונטערטעניקן צו זיך אַליין.

## קאַפּיטל פיר

4

1 דערפאַר, בּרידער מיינע געליבּטע, נאָך וועמען
איך בּענק (אַזוי), מיין פרייד און מיין קרוין,
שטייט אַזוי פעסט אינם האַר, געליבּטע מיינע.
2 איך בּין מזהיר די עוואָדיאַ, און בּין מזהיר
די סינטיכע, אַז זיי זאָלן זיין איינּיק אין זייערע
3 געדאַנקען אינם האַר. יאָ, און דיך בּעט איך אויך,
געטרייער סיזיגוס*, העלף זיי, וועלכע האָבּן מיט
מיר מיטגעאַרבּעט אין דער בּשורה טובה, מיט
קלעמענסן און די איבּעריקע מיטאַרבּעטער מיינע,
וועמעס נעמען זענען אינם ספר החיים.
4 פריידט זיך אַלעמאָל אינם האַר; נאָכאַמאָל זאָג
5 איך: פריידט זיך. זאָל אייער בּאַשיידנקייט בּאַקאַנט
6 ווערן צו אַלע מענטשן. דער האַר איז נאָענט. זאָרגט
ניט וועגן קיין שום זאַך; נאָר אין אַלעם, דורך

* סיזיגוס בּאַטייט אויף גריכיש: מיטאַרבּעטער. מען קען
לייענען דאָס וואָרט ווי אַ נאָמען און ווי אַ שם תואר; מסתּמא
איז עס געווען דער נאָמען פונם דאָזיקן מיטאַרבּעטער.